# אַ בריוו פֿון מאַני לייב צו איציק פֿעפֿער*

מײַן ליבער און טײַערער איציק פֿעפֿער!

איך קען זיך ניט אײַנהאַלטן און שרײַב דעם בריוו מיט אַ סך טעג איידער איר קומט צו אונדז אין אַמעריקע. איך שרײַב אײַך פֿון דער פֿרייד אַרויס וואָס האָט מיך באַהערשט פֿון דער ידיעה אַז איר קומט צו אונדז צו גאַסט. און ס׳איז מאָדנע: איך האָב דעם געפֿיל אַז מיט מײַן בריוו וועל איך זײַן דער ערשטער אײַך צו באַגריסן, אַרויסכאַפּן די פֿרייד בײַ אַלע פֿאַרערער, חבֿרים און קאָלעגן און ברידער פּאָעטן, וואָס פֿרייען זיך מיט אײַער קומען צו אונדז.

מײַן פֿרייד צו זען אײַך, איז ניט קאָלעקטיוויסטיש — זי איז מײַנע, זי איז אפֿשר ענגהאַרציק, אָבער זי איז געוואָרעמט געוואָרן פֿון די ערשטע טעג וואָס איך האָב דערהערט אײַער פֿריילעכן נאָמען איציק פֿעפֿער, ווײַל איך האָב אײַך ליב געקראָגן ווי מײַנעם אַ ייִנגערן ברודער. איך האָב אײַך ליב געקראָגן, ווי מ׳זאָגט, פֿונעם ערשטן בליק.

אין מײַן פֿרייד צו זען מײַן ייִנגערן ברודער, האָב איך אַפֿילו פֿאַרגעסן אַז איר קומט ניט צו מיר, ניט צו אײַערע עלנטע ברידער פּאָעטן, נאָר אַז איר קומט צו אונדזערע אַמעריקאַנער ייִדן אין עפּעס אַ שליחות פֿון עפּעס אַן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, צו פֿאַראייניקן אונדז מיט אײַערע סאָוועטישע ייִדן אין עפּעס אַן אייניקייט צו האַסן פֿאַשיסטן, וואָס גאָט זאָל מיך אויסהיטן פֿון אַזאַ אייניקייט. ייִדן האַסן די פֿאַשיסטן און מערדער פֿון אונדזער פֿאָלק און ס׳איז ווילד־ניין. ייִדן האַסן די פֿאַשיסטן און מערדער פֿון אונדזער פֿאָלק און ס׳איז ווילד־פֿרעמד ווען עמעצער וועט פֿאָדערן בײַ ייִדן, אָדער אַפֿילו רופֿן ייִדן צו האַסן אונדזערע מערדער. ס׳איז אַלץ איינס ווי פֿאָדערן פֿון מענטשן, פֿון לעבעדיקע, אַז זיי זאָלן לעבן.

איך ווייס אַז איר זײַט אַ מענטש פֿון דער סאָוועטישער מלוכה און אַז אײַער שליחות איז אַ מלוכה־זאַך און אַז איר זײַט מסתמא דער בעסטער בײַ אײַער מלוכה פֿאַר דער זאַך. אין מײַן פֿרייד צו זען אײַך, פֿאַרגעס איך אויך, ווי איך האָב געהערט, אַז איר, איציק פֿעפֿער, האָט דעם טיטל פֿון אַ פּאָלקאָווניק. איך גלייב ניט אים דעם. ס׳איז דאָך קאָמיש, וואָס דער פֿריילעכער, פֿריידיקער און זינגעוודיקער ייִדישער פּאָעט איציק פֿעפֿער איז אַ פּאָלקאָווניק: „פּאָלקאָווניק איציק פֿעפֿער!”

איז האָט קיין פֿאַראיבל ניט, מײַן טײַערער איציק, וואָס איך שפּאָס פֿון דעם פּאָלקאָווניק. איר דאַרפֿט פֿאַרשטיין אַז בײַ מיר איז דאָס וואָרט פּאָלקאָווניק אַ וואָרט וואָס דערמאָנט מיר אין מײַן אייגענער העלדישקייט, וואָס איז אפֿשר די איינציקע אין מײַן לעבן. דאָס איז אַ מעשה פֿון די ייִנגלשע יאָרן, אין טורמע, ווען איך האָב זיך בשום אופֿן ניט געוואָלט אויפֿשטעלן פֿאַר אַ פּאָלקאָווניק — אַ

* אין מאַני לייב־אַרכיוו וואָס די אַלמנה (די דיכטערין ראַשעל וועפּרינסקי) האָט איבערגעגעבן דעם ייִוואָ אין ניו־יאָרק, געפֿינען זיך עטלעכע ניט־געשיקטע בריוו — וואָס מאַני לייב האָט געשריבן און צוליב פֿאַרשיידענע סיבות ניט אַרויסגעשיקט.

צווישן זיי — דער בריוו וואָס ווערט דאָ פֿאַרעפֿנטלעכט. ווײַזט אויס אַז מאַני לייב האָט זיך דאָ געוואָלט „אַראָפּשרײַבן” פֿון האַרץ, ווײַל דער סוף איז אין סתירה מיטן אָנהייב פֿונעם בריוו וואָס שייך דער צײַט. (רעדאַקציע)





זשאַנדאַרמסקי — און ער האָט מיך פֿאַר מײַן העלדישקייט באַשטראָפֿט מיט ניט דערלויבן רייכערן, און לאַנגע נעכט האָב איך אין זיך געצויגן דעם רויך פֿון קעראָסין־לעמפּל... ברורר... פֿון דעם זעט איר שוין דעם דרך־ארץ וואָס איך קען האָבן פֿאַר אַ פּאָלקאָווניק און באַזונדערש, פֿאַר אַ פּאָלקאָווניק וואָס רופֿט זיך איציק פֿעפֿער, אַ נאַש־בראַט — אַ ייִדישער פּאָעט!

אין דער פֿרייד פֿון זען זיך מיט אײַך, האָב איך אויך פֿאַרגעסן אויף איין קלייניקייט: די „ליניע” פֿון אײַער מלוכה אָפּצוטיילן אײַך, בירגער פֿון דער פֿרײַסטער מלוכה, פֿון דעם אָרעמען ראַדאָווווי ביז דעם פּאָעט און פֿאַרשטייט זיך, ביז דעם פּאָלקאָווניק און דעם גענעראַל און דעם מאַרשאַל, פֿון אונדז פֿאַרמישפּטע קליינבירגער. איך האָב אויך פֿאַרגעסן אַז איר זײַט אַ סאָלדאַט אַ דיסציפּלינירטער און איר וועט ניט איבערטרעטן די „ליניע” — און כאָטש איר זײַט דער שליח פֿון אייניקייט פֿון אונדזער פֿאָלק, מוזט איר אָבער זײַן פֿון דער ווײַטן פֿון אונדז, פּאָעטן פֿון אונדזער פֿאָלק, כאָטש איר זײַט אויך אַ פּאָעט פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָס אונדז האָט צעטיילט... ווער? — מסתּמא די זעלביקע „ליניע”, אַז קיין מוטער־מענטש זאָל פֿון איר ניט וויסן!

אַלץ האָב איך פֿאַרגעסן, מײַן טײַערער, אין דער פֿרייד צו זען אײַך, אַ גלעט טאָן מיט די אויגן דעם ליכטיקן פּאָעט איציק פֿעפֿער, וואָס פֿון אַלע ייִדישע פּאָעטן אין אײַער סאָוועטן־לאַנד איז נענטער צו מײַן האַרצן. צווישן די ייִדישע פּאָעטן, די סאָוועטישע חבֿרים אײַערע, זײַנען פֿאַראַן זייער פֿײַנע פּאָעטן, פּאָעטן מיט טאַלאַנט, געשמאַק און באַשאַנקען מיט אַלע פֿײַנע מעלות פֿון פּאָעטן, אָבער איר, איציק פֿעפֿער, איר זײַט גאָר, גאָר אַן אַנדערער, אַ באַזונדערער: אײַער קול איז אַן אַנדערער. דאָס זעלבע וואָרט וואָס קומט פֿון אײַך אַרויס קלינגט אַנדערש, פֿליסט אַנדערש און גלעט אַנדערש דאָס אויער. הײַנט די פֿרייד אין אײַער ליד — זי שטעקט אָן מיט אַזאַ פֿריידיקייט און פּשטות, ביז טרויער ממש, ווי דאָס זינגען פֿון די שקצים און שיקסעס אויף די וועטשערניצעס הינטער די זאַסטאַוועס אין די אוקראַיִנער לבֿנהדיקע נעכט, וואָס זייער געזאַנג שיכּורט [אָן] מיט די ריחות פֿון די רויזן און אַקאַציעס, אַזוי נאַטירלעך איז אײַער ליד. פֿײַנשמעקער וועלן אפֿשר לאַכן פֿון דעם פֿאַרגלײַך און אויך פֿון מײַן נתפּעל ווערן פֿון דעם געזאַנג פֿון די אוקראַיִנער שקצים און שיקסעס, איז זאָלן זיי קרימען, די פֿײַנשמעקער אונדזערע, מיט זייערע נעזער. זיי האָבן פּשוט קיין מאָל ניט געהערט זיי זינגען; זיי האָבן דאָך אויך קיין מאָל ניט געהערט זינגען דעם אוקראַיִנער „פּערעפּעל” זומער אין די גערטנער און אויך ניט דעם אוקראַיִנער סאָלאָוויי. אַ צער אויף זיי.

טראַכט איך — אַן אַלטער פֿאַרליבטער נאַר — אַז איין מאָל אין אַ נאַכט, נאָך דעם ווי איר וועט פֿאַרענדיקן אַ טאָג אַרבעט אין אײַער שליחות צו פֿאַראייניקן אַלע ייִדן פֿון דער וועלט; אָדער אײַך וועט ווערן נודנע פֿון אַ באַנקעט לכּבֿוד אײַך, דעם שליח פֿון ייִדישער אייניקייט, און איר וועט זיך דערמאָנען אַז איר זײַט דאָך איציק פֿעפֿער דער פּאָעט און אַז די שליחות וואָס איר פֿירט דורך איז דאָך ניט ווערט פֿאַר אײַך, ווי פֿאַר אַלע ייִדן, קיין אויס־געבלאָזענע איי; און אַז אויך איר זײַט אין אַמעריקע פֿאַרבלאָנדזשעט אויף אַ פֿרעמדער חתונה — און אַז די נאָענטסטע מענטשן דאָ אין לאַנד זײַנען פֿאָרט אײַערע ברידער פּאָעטן; און איר וואָלט אָפּגעגעבן די אַלע שליחותן מיט די כּיבודים און באַנקעטן מיט די לויבגעזאַנגען פֿאַר איין איינציקער שעה — צו טרעפֿן זיך מיט אונדז, פּאָעטן.

ווייס איך אָבער אַז איר זײַט אַרומגערינגלט מיט שומרים אָדער שנאַפּער און אײַך איז זייער ביטער: פֿון איין זײַט מוזט איר אָפּהיטן די „ליניע” פֿון פֿאַרמיאוסן אונדז, האַסן אונדז און דערנידעריקן אונדז ווי דעם אָפּפֿאַל פֿון אַן „אָפּגעלעבטער וועלט”, און פֿון דער צווייטער זײַט לאָזט אײַך ניט רוען די בענקשאַפֿט פֿון אַ פּאָעט צו זען זיך, ריידן און זיך אַראָפּריידן פֿון האַרצן די גאַנצע פּײַן

און צער פֿון די אַלע משוגענע יאָרן פֿון זײַן אָפּגעריסן פֿון אונדז און מיר דאָ — פֿון אײַך.



פֿאַקסימיליע פֿון מאַני לייבס בריוו

טראַכט איך, דער אַלטער נאַר, אַז אין איינער אַ נאַכט, נאָך אַ טאָג פֿון „אייניקייט־טומל”, ווען די שומרים און שנאַפּער אײַערע וועלן אײַנשלאָפֿן — וועט איציק פֿעפֿער אַרונטערוואַרפֿן פֿון זיך זײַן פּאָלקאָווניקשן מונדיר מיט די גאָלדענע עפּאָלעטן און קנעפּ, און זײַנע קלינגענדיקע שפּאָרן, וועט אויף די ציפּקעלעך זיך אַרויסשאַרן, אַרויסגנבֿענען זיך פֿון דעם רײַכן האָטעל ווו עס שטייען אײַן פּאָלקאָווניקעס מיט גענעראַלן און וועט זיך אַרויסשאַרן אויף נאַכטיקער ניו־יאָרקער גאַס אַליין און אַ פֿ ר ײַ ע ר, און גרייט לויפֿן זען אונדז... אונדז זען צוזאַמען, דעם גאַנצן קאָלעקטיוו אונדזערן.

ניין... איציק פֿעפֿער, אַן אײַנגעמושטירטער אין די „ליניעס” און אַ דורכגעקנאָטענער מיט טאָג־טעגלעכער שרעק פֿון פֿאַרראַט און מסירה פֿון זײַן סאָוועטן־לאַנד — קען ניט קומען צו אונדז דעם „קאָלעקטיוו” פּאָעטן — וועט ער שטיין אין דער נאַכט אויף דער ניו־יאָרקער גאַס און פֿאַר אים וועלן דורכגיין יעדער איינער פֿון אונדז, ייִדישע פּאָעטן, באַזונדער, און ער וועט טראַכטן: אויף וועמען פֿון אונדז קען [ער] זיך פֿאַרלאָזן, אַז זײַן טרעפֿן זיך זאָל פֿאַרבלײַבן אַן אייביקער סוד...

און איך — דער אַלטער נאַר — חלום: איציק פֿעפֿער וועט אויסקלײַבן מיך: איך בין טאַקע טרייף, איך בין פֿאַרבונדן מיט דעם אימפּעריאַליסטישן און פֿאַשיסטישן „פֿאָרווערטס”... אָבער... נאָך מאַני לייבן האָט ער געבענקט ווי נאָך אַן עלטערן ברודער... חלום איך: אַז צו קומען צו מיר אין דער נאַכט איז דאָך פֿאַר פֿעפֿערן זיכערער. מײַן שטוב איז פֿאַררוקט ווי אויף אַ כוטאָר, אויף ווײַטע קוואַרטאַלן אָפּגערוקט פֿון אַנדערע שטיבער. מײַנע שכנים שלאָפֿן ווי דערהרגעטע.

וועט איציק פֿעפֿער אויסקלײַבן מיך. בין איך וואַך און וואַרט. און אָט הער איך טריט. איך שפּרינג פֿון בעט און איידער עס קלינגט דאָס גלעקל עפֿן איך שוין די טיר: ער קומט אַרײַן, מיר פֿאַלן איינער דעם צווייטן אויפֿן האַלדז: אוי... איציק... אוי... מאַני לייב... מיר ביידע וויינען מיט טרערן פֿון פֿרייד וואָס מיר האָבן דערלעבט זיך צו זען. און דאָ ציט זיך אַוועק אַ נאַכט פֿון רייד, פֿון אַראָפּריידן זיך פֿון האַרצן אַלע ווייטיקן און פּײַנען וואָס מיר האָבן געטראָגן דורך די אַלע יאָרן זינט דאָס גרויסע אומגליק האָט אונדז געטראָפֿן: דאָס אומגליק פֿון





צעשיידן אונדז מיט אומגליקלעכע „ליניעס” וואָס מיר האָבן אַפֿילו פֿאַר זיי קיין נעמען ניט. מיר ריידן פֿון דער פֿינצטערער גוואַלד וואָס האָט צעשיידט אונדזער צעשפּרייט פֿאָלק אין צוויי פֿעלקער: אין סאָוועטיש־פּראָלעטאַרישן — און אין אַן




אויסלענדיש־בורזשואַזן; אויך אונדזער אָרעמע ליטעראַטור וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן לעבן — אין צוויי ליטעראַטורן: אין אַ סאָציאַל־רעאַליסטישער און אַ דעקאַדענטישער רחמנא־לצלן... און אויך אונדזער פּאָעזיע — פֿריִער אין אַ פּראָלעטקולטישער און דערנאָך אין אַ סאָצרעאַליסטישער בײַ זיי; און בײַ אונדז —אין אַ טשאָלנט אָדער דעקאַדענטישער וועלכע איז פֿאַרמישפּט צום אונטערגאַנג אַאַז”וו.

אונטער פֿעפֿערס ברילן זײַנען זײַנע בלויע אויגן פֿאַרצויגן מיט טרערן. ער רעדט אין דער שטיל, אין שרעק אַז טאָמער הערט זיך עמעצער אונטער הינטער דער וואַנט. איך פֿאַרזיכער אים, אַז דאָ, אין אונדזער אַמעריקע, הערט מען זיך ניט אונטער הינטער ווענט. רעדט ער מיט צוטרוי.

— איך געדענק ווען אַ סך פֿון אײַך, ייִדישע פּאָעטן, זײַנען פֿאַרבלענדט געוואָרן פֿון אונדזערע הויכע לאָזונגען פֿון אַ נײַער פֿרײַ, אָדער פֿון די פֿרײַע יאָזדעס וואָס מיר האָבן אײַך געגעבן אַז איר זאָלט קומען צו אונדז און זען אונדזערע צוגעזאָגטע גליקן מיט די אייגענע אויגן. מיר, ייִדישע פּאָעטן, אין דעם „גליקלעכן” סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, מיר האָבן אויף אײַך געקוקט ווי אויף נאַיִווע קינדער. מיר האָט דאָס האַרץ וויי געטאָן פֿאַר אײַך, וואָס איר ווייסט ניט און איר קענט זיך גאָרניט משער זײַן ווי מיר, די ייִדישע פּאָעטן אין די סאָוועטן זענען אומגליקלעך. אמת: דער מלוכה־פֿאַרלאַג גיט אַרויס אונדזערע ביכער אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן. מ׳זעצט אונדז איבער אין אַ סך שפּראַכן; מיר קריגן געצאָלט פֿון דער מלוכה גרויסע האָנאָראַרן; די מערסטע פֿון אונדז לעבן ווי רײַכע לײַט; מ׳נעמט אונדז אויף אויף פֿאַרזאַמלונגען מיט גרויסע אָוואַציעס און גרויס כּבֿוד; אין קיין איין לאַנד אויף דער וועלט צאַצקעט מען זיך ניט מיט פּאָעטן ווי בײַ אונדז אין סאָוועטן־לאַנד. פּאָעטן פֿון אַ סך לענדער האָט עס געקענט פֿאַרבלענדן.

איז דאָך אונדז גוט? — ניין? — אָבער גלייב מיר, אַז אונדז, סאָוועטישע פּאָעטן, איז זייער, זייער ניט גוט. אונדז איז טויזנט מאָל ערגער פֿון אײַך... דו לאַכסט? — אָט הער. וועסט פֿאַרשטיין.

איך שטיי אויף אין אַ פֿרימאָרגן. עפּעס זינגט אין מיר. איך הער זיך צו: עפּעס אַ ווײַטער חסידישער ניגון זינגט אין מיר און דער ניגון ברייטערט זיך, ברייטערט זיך און טוט זיך אָן אין זינגעוודיקע ווערטער און די ווערטער אין פֿריידיקע זינגעוודיקע שורות און די שורות אין אַ ליד, אַ ליד פֿון אַ חסידיש הויז שבתע־נאַכטס בײַ הבֿדלה. איך ציטער אויף פֿון פֿרייד: דאָס ליד ליגט שוין פֿאַרטיק בײַ מיר אויף די ליפּן. איך דאַרף עס נאָר אָנשרײַבן. גאָרנישט איז דאָ פֿאַר מיר אויף דער וועלט ווי נאָר אָנצושרײַבן דאָס ליד. פּאָעטן ווייסן פֿון אַזעלכע רגעס... פֿילסט, אַז דאָס גאַנצע גליק פֿון דײַן לעבן באַשטייט אין אָנשרײַבן דאָס ליד.

אָבער איך, אַ סאָוועטישער פּאָעט, שרײַב ניט דאָס ליד: ווײַל ווי נאָר איך נעם די פּען אין האַנט — די פּען אַליין נעמט זינגען דאָס ליד — קוק איך נאָך אַרויס אין פֿענצטער אָדער מײַן אויג פֿאַלט אויפֿן בלאַט פּאַפּיר אויף מײַן טיש, וועקט עס מיך אויף ווי פֿון אַ זיסן חלום: די סאָוועטישע וואָרע וואָר מיט דער גאַנצער אימה גיט זיך פֿאַר מיר אַ דריי און איך ווער אויסגעלאָשן, אויסגעלאָשן: דאָס געזאַנג אין מיר לעשט זיך אויס ווי אַ ליכט אין אַ שטורעמווינט; איך אַליין ווער פֿאַרלאָשן; דאָס האַרץ ווערט פֿאַרלאָשן, קאַלט, טויט און שטום.

דאָס ליד ווערט ניט געשריבן. און איידער איך כאַפּ זיך, אַז מיר האָט געטראָפֿן אַ גרויס אומגליק, שטייט שוין פֿאַר מיר די סאָוועטישע וואָר מיט אַלע אירע גרוילן און שטופּט מיר גלײַך אין האַנט אַן אוקאַז: אַז איך דאַרף אָנשרײַבן אַ ליד פֿון דער רויטער אַרמיי, אָדער פֿון דעם גרויסן סטאַלין, פּראָגרעס פֿון די קאָלכאָזן, אָדער פֿונעם גרויסן דערפֿאָלג פֿונעם סאָוונאַרקאָם, פֿונעם קאָמסאָמאָל און דער טײַוול ווייס פֿון וואָס; אָדער איך [דאַרף] אָנשרײַבן עפּעס פֿאַר די בעזבאָזשניקעס, אָדער פֿאַרניכטן אין פֿערזן די בורזשואַזיע פֿון דער וועלט; מאַכן אַ תּל פֿון אונדזער ליטעראַטור וואָס דינט די אימפּעריאַליסטן.

און שפּעטער שוין, אין קריגסצײַט... נו, דעמאָלט ווען מיר האָבן געקעמפֿט מיט אונדזער בלוט און לעבן — האָבן מיר, באַזונדערס די ייִדישע פּאָעטן — ווער מיט וואָס מיר האָבן געקענט — און מיר, די ייִדישע פּאָעטן באַזונדערס זענען דורך דער גאַנצער צײַט פֿון דעם בלוטיקן שפּיל געווען פֿרײַ צו זינגען וואָס מיר פֿילן. דאָס איז די איינציקע צײַט פֿון די אַלע יאָרן וואָס מיר זענען געווען פֿרײַ צו זינגען וואָס אונדז [איז] אויפֿן האַרצן. פֿאַרשטייט זיך: אַז זינגען איז אונדז אין אַזעלכע טעג ניט געלעגן אין זינען: מיר האָבן דערפֿאַר געשריִען, געליאַרעמט, געשאָלטן, געסטראַשעט ביז הייזעריק ווערן... און דאָס איז דאָך געווען נאַטירלעך אונטער דער סכּנה פֿון טויט.

דערנאָך, נאָך דער מלחמה שוין, נאָכן פֿאַרזוכן די פֿרײַ אין צײַט פֿון קריג. דער חורבן אין אונדזער לאַנד איז געווען גרויס און נאָך גרעסער איז געווען אונדזער ייִדישער חורבן. האָבן מיר, ייִדישע פּאָעטן, מיט אַלעמען אין לאַנד זיך גענאַרט. מיר האָבן געמיינט, אַז אויך די פֿרײַ, וואָס מיר האָבן געהאַט אין קריג, וועט אָנהאַלטן אויך נאָכן קריג. און — מיר האָבן געמאַכט די ערשטע פּרוּוון, כאָטש דערשראָקענע פֿון געוווינהייט, זינגען לידער פֿון אונדזער חורבן, פֿון אונדזער אויפֿלעבן —

און דאָ איז געקומען די צײַט פֿון „איינִיקייט״, דער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט, מײַן שליחות, אין באַלייטונג פֿון אַן אַקטיאָר אויפֿצופֿילן דעם רוף פֿון איינִיקייט פֿון כּל ישׂראל חבֿרים... און מיר איז פֿינצטער און ביטער פֿון אַזאַ שליחות... גלייב מיר! מײַן איינציקע טרייסט איז, וואָס איך קען אויסוויינען פֿאַר דיר, עלטערער ברודער מײַנער, אַלע לײדן און פּורעניות, וואָס פּאָעטן אין די סאָוועטן דאַרפֿן אַריבערטראָגן... און בײַ אײַך — אײַך איז דען ניט ביטער? —

MANI LEIB

די גאָלדענע קייט 88 (1975)